# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 227 פרשת חוקת · תשפ"ד

**א מעשה פון א צדיק:**
די זאלצבאך ש"ס

**מיט א טיפערן בליק:**
א לעכל אינעם דאך פון פאלאץ

**קינדער בלעטל:**
קינדער דערציילן
מעשיות פון תפילה




## פריילעכע סיומי הש"ס



## כולל קרית ברסלב, וואכער זמן

# קרית ברסלב בלעטל



**בריוו צו רעדאקציע**
קרישקלעך פון
שבת נאך שבועות
4


**וועלטליכע נייעס**
4 יולי חאגא
6


**מיט א טיפערן בליק**
א לעבל אינעם
דאך פון פאלאץ
20


**גראמען**
בית פיגא
28


**קינדער בלעטל**
קינדער דערציילן
מעשיות פון תפילה
38


**געשעענישן**
זומער געשעענישן
40



רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ש. ל. פליישמאן

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
חקת ז' תמוז תשפ"ד

הדלקת הנרות ........08:15
מוצאי שבת ............09:46

מנחה מעריב בלק.... 09:25

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 12 | 80°/66° | | Thunderstorms |
| Sat 13 | 82°/63° | | Showers |
| Sun 14 | 84°/65° | | Partly Cloudy |
| Mon 15 | 85°/68° | | Partly Cloudy |
| Tue 16 | 85°/64° | | Scattered Thunderstorms |
| Wed 17 | 80°/61° | | Scattered Thunderstorms |
| Thu 18 | 81°/61° | | PM Thunderstorms |
| Fri 19 | 82°/62° | | Isolated Thunderstorms |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים וויסן נישט אל"ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן ח"א

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערצעצויגן

**מו"ה שלמה ניימאן הי"ו**
**וזוגתו סילקא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערצעצויגן

**מו"ה חיים דוד ראזענבערג הי"ו**
**וזוגתו חי' יוטא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.

# געטרייע
# תלמידים



ט״ז - י״ח אב

אנ״ש חיל
געטרייע
סאלדאטן

*sruliHeskel

## קרישקעלעך פון שבת נאך שבועות

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית בלעטל הי"ו, בעזרת השם וויל איך ממשיך זיין מיט די שיינע שיחות, זכרונות און אנעקדאטן פון די הערליכע טעג של קורות רוח וואס מיר האבן מיטגעלעבט אין שטעטל במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א, שבת נאך שבועות, יישר כח פארן אריינלייגן מיינע שורות.

•

שבת צופרי פרשת נשא [שבת נאך שבועות] זענען אנשי שלומינו געזיצן אין גן עדן התחתון מיט אנגעשפיצטע אויערן ווארטנדיג מיט דורשט צו הערן די שיינע שיעור אין זוהר הקדוש פונעם ראש ישיבה שליט"א.

ווען דער ראש ישיבה איז אנגעקומען האט ער זיך אנגערופן וואס איז פשט אז מ'איז געקומען הערן ווי ער זאגט זוהר? ער לערנט נישט פאר א שיעור אין זוהר... א חלק פון די אנוועזנדע האבן זיך אביסל אונטערגעשמייכלט, טראכטנדיג אז דער ראש ישיבה וויל בלויז מעורר זיין דעם ציבור צוצולייגן קאפ און מיטהאלטן דעם שיעור, האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכאמאל קלארגעשטעלט: "איך מיין עס זייער ערנסט, עס האט נישט קיין פשט צו קוקן ווי איך זאג זוהר מיט מיין זון... סידור עת רצון קען איך פארלערנען..." מ'האט טאקע אפירגענומען דעם סידור עת רצון און דער ראש ישיבה האט במתק לשונו פארגעלערנט דעם שטיקל פון פרשת התמיד.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די חלק פון דאווענען וואס רופט זיך פארנט/קרבנות, און זיך אויסגעדרוקט: "פארנט רירט מען נישט, אזוי ווי מ'רירט נישט צו די בארד און פיאות, אזוי רירט מען נישט צו די חלק פון דאווענען/פארנט". דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס גרויסקייט און וויכטיגקייט פון פארנט האט ער געלערנט פון מוהרא"ש, פארדעם האט ער נישט געוויסט אז דאס איז אזא וויכטיגע טייל פון דאווענען.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז א גוטער מלמד קען דאס אריינלייגן אין די קינדער, אז דאס זאל זיי אריינגיין אין די ביינער פאר די גאנצע לעבן.

דער ראש ישיבה האט זיך דערביי אויסגעדרייט צו איינער פון די מלמדים און זיך אנגערופן אז ער האט זייער הנאה געהאט צו זען שבועות ביי פתיחת הארון ווי די קינדער פון זיין כיתה האבן געזאגט "בריך שמי'" פון אינעווייניג, פון די טאוועל וואס ליגט אויפן טיר פונעם ארון הקודש, ער האט דאס גוט אריינגעלייגט אין זיי, "די קינדער וואס פלעגן זיך שפילן ביים ארון הקודש ביי פתיחת הארון, האבן יעצט אזוי שיין געזאגט בריך שמי'", האט דער ראש ישיבה געזאגט.

ביים סוף פונעם שטיקל אין סידור עת רצון שרייבט מוהרא"ש וועגן שמות און גמטריות, און פירט אויס: "אשרי מי שכון אל פשוטן של דברים" [וואויל איז דער וואס האט אינזין די פשוט'ע טייטש פון די ווערטער], האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אין יעדע זאך איז דא שמות מיט יחודים, אבער מוהרא"ש לערנט אונז אז בשעת'ן דאווענען דארף מען אינזין האבן דאס דאווענען פשוט'ערהייט".

דערנאך שרייבט מוהרא"ש דאס גרויסקייט פון זאגן דעם פסוק "ושחט אותו על ירך המזבח", מוהרא"ש ברענגט א מדרש: "בין גוי בין ישראל, בין איש בין אשה, בין עבד בין אמה", סיי א גוי און סיי א איד, סיי א מאן און סיי א פרוי, סיי א קנעכט און סיי א דינסט וואס וועלן זאגן דעם פסוק וועט דער אייבערשטער געדענקען עקידת יצחק, דא האט זיך דער ראש ישיבה אפגעשטעלט און געזאגט: "וואס הייסט א גוי וואס וועט זאגן דעם פסוק? מ'מיינט צו זאגן איינער וואס שפירט ווי א גוי, דער יצר הרע מאכט אים שפירן ווי א גוי..." און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "וואס פאר א זאך קען מאכן א איד פאר א גוי...?" א איד קען דאך נישט ווערן א גוי.

האט דער ראש ישיבה ממשיך געווען מיט וואס מוהרא"ש זאגט דארט אז בשעת מ'זאגט דעם פסוק זאל זיך א מענטש פארשטעלן ווי ער ליגט אויפן מזבח און מ'שחט אים, מ'שפריצט זיין בלוט אויפן מזבח, דעמאלט איז ער פארזיכערט אז מ'איז אים מוחל אלע עבירות, און מוהרא"ש ברענגט דארט אז חסידים ואנשי מעשה זאגן איבער דעם פסוק דריי מאל, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט דערוייל נאכנישט געטראפן נאך א מקור צו זאגן דעם פסוק דריי מאל, און מן הסתם מיינט די 'חסידים ואנשי מעשה' מוהרא"ש אליין.

[דאס דערמאנט מיך פון וואס דער ראש ישיבה האט דערציילט פרייטאג צו נאכטס ביי די באטע, פרשת שלח, ווי פאר עטליכע יאר, ווען עס איז געווען די שווערע מחלוקת און התנגדות קעגן די ישיבה, פאר ער איז ארויס אין גאס אדער צווישן אן עולם, פלעגט ער זיך צוגרייטן ביי זיך אין קאפ צו אלע סארט מעגליכקייטן וואס קען אלץ פאסירן חס ושלום, פעטש, פאשקעווילן, נאכשרייען, וכו' וכו', ווייל אז מ'גרייט זיך

אן פון פארדעם, איז עס נישט קיין שאק, איז עס גרינגער צו נעמען].

בײ די פאריגע בריוו צום בלעטל האב איך געשריבן דעם פאלגענדן שטיקל, דער עורך הבלעטל מוה"ר אברהם הערש נ"ו האט מיר געבעטן עס צו אויסצוקלארן, ווײל עס איז אפשר נישט אזוי פארשטענדליך, וועל איך עס בעזרת השם אויסקלארן.

**דערנאך ברענגט דער זוהר הקדוש דער ענין פון דאס אויסטײלן די קוויטלעך הושענא רבא בײנאכט, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די פחד וואס מענטשן האבן הושענא רבא בײנאכט צו קוקן אויב זײ האבן א שאטן אדער נישט, אז אין די יונגע יארן האט ער זײער מורא געהאט צו שלאפן יענע נאכט אין די סוכה, ווײל מ'קען זײער גרינג אנזען די שאטן וואס ווערט דורך די שײן פון די לבנה וואס שײנט אדורך די סכך, מן הסתם האט אים דאס א רבי אדער מגיד שיעור אריינגעלייגט אויף זײער א שרעקעדיגע אופן.**

דער ראש ישיבה האט געלערנט דעם זוהר הקדוש (פרשת תרומה, קמב ע"א): "בְּלֵילְיָא בַּתְרָאָה דְּחַגָּא", די לעצטע נאכט פון יום טוב סוכות, דאס הײסט די נאכט פון הושענא רבא, "דְּקָא נַפְקָן פִּתְקִין מִבֵּי מַלְכָּא", גײען מען ארויס די קוויטלעך, [דאס איז וואס מען וואונטשט 'א גוט קוויטל'], "וְהַהוּא צֵל אַעְדִּיאוּ מִבְּנֵי גְּרֵיעוּ דְּהַאי עָלְמָא", און עס ווערט אפגעטון די שאטן פון די נישט ערליכע מענטשן וכו'. (מער איבער דעם טרעפן מיר אין זוהר הקדוש פרשת ויחי, דף רכ ע"א; כף החיים סימן תרס"ד, אות יח; פתיחת הרוקח לפיוטי ההושענות להושענא רבה; רמב"ן און רבינו חיי אין פרשת שלח, אויפן פסוק סר צלם מעליהם [במדבר יד, ט]).

דער רמ"א ברענגט אין אורח חיים סימן תרס"ד סעיף א' אז הושענא רבה בײנאכט איז דא א סימן אין די שאטן פון די לבנה וואס וועט זײן מיטן מענטש און מיט זײנע קרובים דעם יאר, אבער מ'זאל דאס נישט נאכקוקן כדי נישט צו ברענגען אויף זיך א שלעכטע מזל, און אויך אז מערסטנס מענטשן פארשטײען דאס נישט אינגאנצן קלאר, דערפאר זאל מען ענדערש זיך פירן בתמימות און נישט חקר'ענען וואס וועט זײן. און דער בכורי יעקב (שם, סעיף קטן ה) זאגט אז אפילו מ'האט אומווילנדיג געקוקט און מ'האט געזען אז מ'האט נישט קײן שאטן זאל מען זיך אויך נישט זארגן, עיי"ש.

אויסער דעם חזר'ט מיט אונז דער ראש ישיבה, אז אויב א מענטש טוט תשובה קען מען זיך אויסבעטן א נײע צעטל, א גוטע צעטל. און מיר טרעפן און ספר ריקנטי (אזוי אויך ווערט דאס געברענגט אין ספר חסידים, סימן תנב), אז ס'איז געווען א מענטש וואס האט געקוקט הושענא רבה בײנאכט צי ער האט א שאטן און ער האט נישט געזען, האט ער מתפלל געווען און תשובה געטון, און ער האט ווידער געזען דעם שאטן אויפן ריכטיגן פלאץ.

עכ"פ האט דער ראש ישיבה דערציילט אז א מלמד אדער מגיד שיעור האט אים אריינגעלייגט א פחד פון דעם שאטן, דעריבער האט ער מורא געהאט אלס קינד צו שלאפן הושענא רבה בײנאכט אין די סוכה, ווײל ווען די לבנה שײנט אריין פון די סכך קען מען זײער שטארק אנזען אויב ס'איז יא אדער נישט דא א שאטן, אבער באמת איז נישטא וואס מורא צו האבן.

בײגעלײגט איז א בילד פון א ספר מנהגים אין אידיש, ווי עס שטײען די פארשידענע סימנים וואס מ'קען זען בײ די לבנה הושענא רבה בײנאכט, געדרוקט אין אמסטרדם שנת תפ"ג.

יישר כח

יואל שניצלער, קרית ברסלב


הושענא

# פרישע מנין מנינים
# שחרית, מנחה מעריב
# אין שטעטל



## טעגליכע מנחה מעריב צוזאמען מיט א דף שיעור אין בית המדרש ליקוטי מוהר"ן

די שטעטל ווערט ברוך השם גרעסער מיט פרישע משפחות וואס ציען זיך אריין, אלעס מיטן איינעם ציל צו קענען אויפציען די קינדער אויפן וועג פון די צדיקים, פון לעבן מיטן אייבערשטן אינטערן שאטן פון נאטור.

צו דעם איז ברוך השם צוגעקומען א פרישע מנין שחרית ביי וותיקין, דאס איז יעצט בערך פינף אזייגער אינדערפרי.

אויך קומען אריין פרישע משפחות ביי די נייעסטע געגענט פונעם שטעטל וואס מ'רופט "די ווילעדזש", צוליב וואס עס געפונט זיך אינערהאלב די גרעניצן פונעם "ווילעדזש אף ליבערטי", און כאטש וואס ס'איז בלויז בערך צען מינוט מיט א קאר צום צענטראלן בית המדרש אויף האשקי, האט דער ראש ישיבה שליט"א גלייך געזארגט עס זאל זיך געפונען א בית המדרש מיט א מקוה פאר שבת קודש, צוליב וואס די געגנט איז א קנאפע שעה צופיס צום נענטסטן בית המדרש.

דער לאקאלער בית המדרש "ליקוטי מוהר"ן" - איינס פון זיבן שולן אינעם שטעטל - גייט שוין אן פאר א קנאפע יאר צייט און ווערט הערליך געפירט דורך די גבאים מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו און מו"ה משה עקשטיין הי"ו, וואס פירן אן מיט די תפילות, און אקטיוויטעטן אין בית המדרש מיט גרויס געטריישאפט. עס גייען אן אלע דריי תפילות יעדן שבת קודש, דער גבאי מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו לערנט פאר א געשמאקע שיעור אין סיפורי מעשיות יעדן שבת קודש ביים קידוש נאך מוסף, אזוי אויך ווארעמט ער אן די הערצער יעדן שלש סעודות מיט די לעכטיגע ווערטער און חיזוק פון הייליגן רבי'ן.

אין די טעג ווערט געמאלדן דורך די גבאים אז אויף די בקשה פון די מתפללים טוט מען זיך פארברייטערן און מען לייגט צו פרישע פעולות פון תורה ותפלה אינעם בית המדרש מיטן עפענען דעם בית המדרש פארן ציבור א גאנצע וואך, צוערשט האט מען צוגעלייגט א שיעור אין א בלאט גמרא וואס וועט פארגעלערנט ווערן בעזרת השם בטוב טעם ודעת דורך מו"ה נחמן נתן קרויס הי"ו יעדע נאכט תיכף נאך מעריב, און מיט דעם קומט אויך צו א טעגליכע מנין מנחה און מעריב, וואס וויבאלד דער בית המדרש געפונט זיך בלויז עטליכע מינוט אוועק פונעם גרעסטן כשר'ן סופערמארקעט אין די קעטסקילס "לעמאנעיד", איז דא א גרויסע געברויך פאר א טעגליכע מנין מנחה מעריב אין די געגנט.

מנחה וועט זיין פופצן מינוט פארן זמן רבינו תם, און דערנאך וועט מען דאווענען מעריב, וואס וועט נאכפאלגן מיטן שיעור גמרא, ווי אויבנדערמאנט. די אדרעסס פונעם בית המדרש איז 33 טשעסטנאט סטריט.



YOUR TRUSTED PARTNER FOR

# Insurance Solutions

When you buy insurance through an independent broker, you get ease, choice, and advice. An independent broker that has allegiance to you as a customer and you can choose the carrier that best suits your needs.

## Licensed Insurance and Real Estate Broker

THE HEILIGE REBBE SAYS

"Ein Shum Yiush B'olam Klal"

we don't give up on you so easily and neither should you!

Looking forward to helping you,

- Simcha Salz -

## OUR SERVICES



HOMEOWNERS



RENTERS




TRAVEL



BUSINESS



EMPLOYEE HEALTH



AUTO INSURANCE

## CONTACT US:

SALZ & ASSOCIATES LLC
212-725-9467
www.salzandassociates.com

SALZ REALTY GROUP LLC
212-725-9734
www.salzre.com

SALZ INSURANCE BROKERAGE LLC
212-725-9467
www.salzinsurance.com

איבער
# אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## דער באל פוינט פענע

**שאלה: וויאזוי ארבעט א געווענליכע פענע, און וויאזוי שפירט זיך עס נישט ווי עס רייבט זיך אויפן פאפיר, נאר עס גליטשט זיך געשמירט? רפאל.**

**ענטפער:** זייער א גוטע פראגע! א געווענליכע פענע וואס מיר נוצן טאג טעגליך הייסט א "באל פוינט פענע", דער פענע איז א גוט אויסגעארבעטע פאטענט צו קענען שרייבן שנעל, ביליג, און באקוועם.

פאר נישט צו לאנג צוריק פלעגט מען נוצן פענעס געמאכט פון פארשידענע מאטריאלן ווי האלץ, שטיין, אדער פעדערן, וואס איז געווען טייער און שווער צו נוצן, אבער דער אייבערשטער האט געהאלפן אז היינט קען מען פאר עטליכע צענט קויפן א גאר גוטע פענע, וואס איז בעסער און באקוועמער פון די פענעס וואס די גרעסטע קעניגן פלעגן נוצן ביז נישט לאנג צוריק.

דער הויפט באשטאנדטייל פונעם פען איז ווי איר נאמען זאגט דער "באל פוינט" וואס מיינט דער "באל ביים שפיץ". אינעם פענע קען מען זען ווי עס ליגט דרינען א שטרוי פון טינט וואס קומט אראפ ביז אונטן, און אונטן ווערט דער לאך פארשטאפט מיט אן אייזערנעם באל. דער באל לאזט זיך דרייען, אבער עס איז פארשטעלט פון אינעווייניג אז עס זאל נישט קענען ארויסגיין, וואס מאכט אז ס'זאל זיין נאר א גאר דינעם עפענונג צווישן די באל אינעם שטרוי, פונקט גענוג אז די טינט זאל נישט קענען ארויסרינען, אבער דער באל זאל זיך נאך קענען דרייען באקוועם.

עס איז איינגעפירט אז ווען מען שרייבט הייבט מען אן מיט בס"ד וואס איז די ראשי תיבות פון "בסייעתא דשמיא" וואס מיינט "מיטן אייבערשטנ'ס הילף", ווייל דער אנפאנג פון א זאך איז גאר וויכטיג. און אויב מען הייבט אן מיט'ן אייבערשטן האט מען סייעתא דשמיא.

ווען דער מענטש וויל שרייבן פאפיר, דרוקט ער אראפ דעם באל און רוקט אויפן פאפיר, וואס מאכט עס זאל זיך דרייען און דער באל וואס איז אנגעשמירט פון אינעווייניג מיט טינט ווערט דערנאך אפגעזיגעלט אויפן פאפיר ווען דער מענטש שרייבט. און ווען מען שרייבט נישט, דינט דער באל ווי א שטאפער אז די טינט זאל זיך נישט אויסטרוקענען.

פאר פינף יאר צוריק איז פארקויפט געווארן גאר א טייערע פען פאר די ריזיגע סומע פון 1.2 מיליאן, וואס באמת האט מען דעם פען אפילו נישט געקענט ניצן צום שרייבן, נאר איז פשוט פארקויפט געווארן פאר אזוי טייער אלס איר היסטארישקייט וואס דאס טראגט.

דאס דערמאנט אונז וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז ער דארף נישט קיין ליקוטי מוהר"ן פונעם ערשטן דרוק, ווייל ער ניצט די ספרים צו לערנען דערין און נישט דאס צו האלטן אוועקגעלייגט פאר אנטיק, במילא וועט ער בעסער קויפן די היינטיגע דרוק וואס איז שיינע גרויסע ווערטער.

אבער דאס דארף מען געדענקען אז די אנהייב פון יעדע זאך איז זייער וויכטיג, ווען מיר הייבן אן מיטן אייבערשטן, און בפרט מיט דאנקען דעם אייבערשטן, האט מען הצלחה. אין אונזער טאג-טעגליכן לעבן, ווען מיר שטייען אויף אינדערפרי און גיסן זיך אפ נעגל וואסער, זאגט א איד תיכף די ערשטע זאך "מודה אני" - מיר דאנקען דעם אייבערשטן פאר נאך א טאג פון לעבן. ווען מיר הייבן אן דעם טאג מיט דאנקען דעם אייבערשטן, האט מען א געבענטשטע טאג בסייעתא דשמיא.

אין קורצן, די באל פוינט פענע איז א פשוטע אבער געניאלע אויפטרעף וואס העלפט אונז שרייבן פליסיג און באקוועם. אבער מיר דארפן געדענקען אנהייבן יעדע זאך מיט א דאנק צום אייבערשטן, אזוי קענען מיר האבן א ברכה אין אלעס וואס מיר טוען.

**וקנה לך חבר**



# די שטיינערנע צוימען אין די וועלדער פון ניו יארק

**שאלה: איך גיי התבודדות אין די וועלדער אין שטעטל, און איך זע אויף פילע פלעצער לאנגע שורות פון שטיינענע צוימען, וואס איז פשט פון די הערליכע שטיינערדיגע צוימען אין די פוסטע וועלדער? ווער האט עס געמאכט און פארוואס? נפתלי הירצקא**

**ענטפער:** א מחי' אז דו פאלגסט די עצה פון רבי'ן און די נוצט אויס די זומער חדשים צו רעדן צום אייבערשטן צווישן די גראז אוןביימער. געדענק וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר אז אין ברסלב רעדט מען פון אסאך זאכן, אבער א ברסלבע חסיד איז נאר אזא איינער וואס רעדט צום אויבערשטן. ווייל דאס איז דער עיקר וואס דער היילגער רבי האט געוואלט פון אונז.

לגבי דיין שאלה איבער די שטיינערנע צוימען: פאר איבער הונדערט יאר צוריק זענען געווען אין דעם גאנצן ניו יארק סטעיט ראיאן - ארייגערעכענט די קעטסקילס - פילע פעלדער פון תבואה, די אייראפעאישע אימיגראנטן האבן זיך צוגעכאפט צו די ריזיגע שטחים מיט גוטע פרוכטבארע ערד וואס ניו יארק פארמאגט און געמאכט דערפון פעלדער.

מיט די צייט האבן אבער די פארמערס אנגעהויבן באמערקן אן אינטערעסאנטע ערשיינונג, יעדעס יאר אנפאנג זומער ווען זיי האבן געוואלט אנפלאנצן די פעלדער האבן זיי געטראפן זייערע פעלדער פול מיט שטיינער, עס האט גענומען א לאנגע צייט ביז זיי האבן זיך געכאפט אז די ערד אין אונזער ראיאן איז זייער שטיינערדיג, און דאס איז געווען איינע פון די סיבות וואס רוב רובם פון די פעלדער זענען מיט די צייט פארלאזט געווארן, און די פארמער האבן זיך געזוכט גרינגערע פלעצער ווי צו פלאנצן. די פארמער האבן אבער אויסגענוצט די שטיינער עס צו לייגן אין די זייט פון זייערע פעלדער, און געמאכט דערפון צוימען וואס האט געוויזן די גרעניצן צווישן די פעלדער.

מיט די צייט זענען די אלע פעלדער צוריק געווארן פול מיט ביימער, אבער די צוימען זענען געבליבן אלץ א זכר פון די פעלדער תקופה אין אפסטעיט.

אז מען רעדט שוין פון די שטיינער אין ניו יארק, איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז דער נאמען "ראקלענד (שטיינערדיגע לאנד) קאונטי" נעמט זיך טאקע פון דעם.

ס'איז דא געוויסע אנדערע מיינונגען וואס די באדייט פון די שטיינער זענען, אבער דאס איז לכאורה די ריכטיגע פשט פון דעם.

אבער דער עיקר וואס מען קען ארויסנעמען פון דעם איז בלי ספק די ערשטע ווערטער פון דיין שאלה, מיר אלע דארפן זיך מחזק זיין צו גיין אביסל שמועסן מיטן אייבערשטן. נישט קיין חילוק צו די ביסט אין ליבערטי, אין ראקלענד אדער אין די שטאט, דער אייבערשטער איז איבעראל, און ער ווארט מיר זאלן האבן א קשר מיט אים.

אויב דו האסט א וואלד איז גוט, און אויב נישט - דער ראש ישיבה שליט"א פארציילט אז אמאל זייענדיג מיט מוהרא"ש אין עירפארט אויפן וועג קיין אומאן אויף ראש השנה, האט מוהרא"ש זיך אנגערופן "דארפסט א וואלד צו רעדן צום אויבערשטן? שטעל זיך פאר אז די אלע מענטשן זענען חיות אין וואלד, און קענסט יעצט אזוי רעדן צום אויבערשן", - רעד צום אויבערשטן וואו דו ביסט. דאס וועט דיר ברענגען צו די גרעסטע מדרגות צו וואס א מענטש קען נאר צוקומען אויף דער וועלט.

## התבודדות הוא מעלה עליונה וגדולה מן הכל

גרשון קרעמער



## אמעריקאנע לאנד פייערט זעלבסטשטענדיגקייט טאג

פארגאנגענעם דאנערשטאג קרח יולי 4 למספרים, 248 יאר צוריק - יולי 4 1776, האבן זיך די אמעריקאנער דערקלערט זעלבסטשטענדיג פון די ענגלענדער, וואס האבן געהערשט אויף זיי, נאך א בלוטיגע מלחמה וואס האט גענומען גאנצע אכט יאר.

די מלחמה איז געפירט געווארן דורכן העלדישן גענעראל דזשארדזש וואשינגטאן - וואס איז טאקע געקרוינט געווארן אלס דער ערשטער פרעזידענט, וואס האט טראץ די פילע שטרויכלונגען באוויזן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צו באזיגן די ענגלישע ארמיי.

מיר דאנקען דעם אייבערשטן פאר זיינע גרויסע חסדים אז ער האט צוגעפירט אז די ניי געגרינדעטע רעגירונג וואס האט זיך דאן פארמירט האט אראפ געשטעלט א קאנסטיטוציע וואס שטעלט אוועק פילע רעכטן פאר יעדן בירגער, ווי צום ביישפיל רעליגיעזע רעכטן, און היינט ברוך השם קענען מיר לעבן אינעם מלכות של חסד און דינען דעם אייבערשטן, אן ווערן גע'רודפ'ט פון די רעגירונג, ווי עס איז געווען דער שטייגער אין אייראפע במשך הונדערטער יארן.

ס'איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז די גאנצע פייערונג פון יולי 4 איז נישט צושטאנד געקומען גלייך דעמאלט אין יאר 1776, נאר דאס איז הערשט אראפגעשטעלט געווארן אלס א חאגע כמעט הונדערט יאר שפעטער, אין יאר 1870, וואס דעמאלט האט מען אפעציעל באשטימט א רייע פרישע טעג, וואס ווערט גערופן אלס א חאגע טאג אין אמעריקע.

דער סמ"ך מ"ם דער מלך זקן וכסיל שלאפט אבער נישט, און אין יעדע צייט שטעלט ער אונטער נסיונות לויטן מצב הדור, היינט איז עס מיט הפקרות, וויבאלד מיר לעבן אין א פרייע מדינה, "מיינד יור אָון ביזנעס" איז דער סלאגאן, "קיינער קען מיר נישט זאגן וואס צו טון" זאגט די גוי'אישע גאס. וואס דאס פארשווערט גאר שטארק פאר אונז אידישע קינדער, צוליב דעם וואס די לינקע חברה כאפן זיך ארויף אויף דעם, און זאגן אז מען דארף לאזן די קינדער מאכן זיין אייגענע החלטה אויב ער וויל דעם סארט לעבן, איי דער קינד קען דאך נישט אליין פארשטיין וואס ער וויל? אבער אזוי גייט זייער פארשטאפטע קאפ.

איז וויאזוי קען מען פון דעם געראטעוועט ווערן? זה לעומת זה עשה אלוקים, ואין הקדוש ברוך בא בטרוניא עם בריותיו, דער אייבערשטער האט אראפגעשיקט דעם הייליגן רבינ'ס נשמה, "אזא חידוש ווי איך בין איז נאך קיינמאל נישט געווען", דער רבי איז א חידוש ווייל ער האט א שפראך צו אונז.

מיר קענען נישט שאצן די גרויסקייט פון צדיקים, אבער דער הייליגער רבי איז אראפגעקומען צו אונזער נידעריגער דור, ער הייבט אונז אויף און דערנענטערט אונז צום אייבערשטן, דורך אונז דערמאנען אז דער אייבערשטער איז דא, און מיר קענען אלץ רעדן צו אים.

דער רבי וועקט אונז אויף מיר זאלן אנערקענען אין די גרויסע אוצרות וואס מיר פארמאגן אין בוזעם טאש, דו האסט א ציצית, תפילין, מזוזה, נעגל וואסער. דו האסט געווינען די לאטערי, פארוואס גייסטו ארום מיט א לאנגע נאז? כאפ א טענצל "שלא עשני גוי", וואס אזוי וועלן מיר קענען ווייטער זיך האלטן שטארק אין אונזער אידישקייט, אין די פרייע הפקר'דיגע אמעריקע.

א חלק פון די פייערונגען ביי די אמעריקאנע, איז מיט שיסן פייער קרעקערס, וואס דאס איז אזאנע באמבעלעך וואס מען שיסט ארויף אין די לופט, און מאכט א שיינע בליץ פון פייער אין אויסשטעל פון א געוויסע זאך, דאס האלט אן פאר בערך אפאר סקונדעס, און דערנאך שיסט מען ארויף פרישע פייער קרעקערס.

מען שאצט אז די אמעריקאנע פאלק ספענד פאר פייער קרעקערס אין דעם יולי 4 חאגע אן ערך פון אזויפיל ווי איין ביליאן דאלער, יא איר ליינט גוט, א ביליאן מיט א ב', נעבעך פאר זיי וואס זיי געבן אויס זייער געלט פאר אינטערהאלטונגען וואס מען האט הנאה פון דעם פאר אפאר סקונדעס, מיר דארפן זען צו ניצן אונזער געלט פאר הנאות וואס ברענגט אונז רווחים פאר יענע וועלט.

**תורה און תפילה איז יא און מען קען עס באקומען**





# ווי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵּק נָאךְ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן?

## שאלה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אִין רִיעֶל עֶסְטֶעיט, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אַייְנְצוּקוֹיפְן שְׁטָחִים אוּן בִּנְיָנִים אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט. דֶעם לֶעצְטְן זוּמֶער הָאבּ אִיךְ אָבֶער גֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶע שֶׁטַח וָואס וָואלְט גֶעדַארְפְט אַרַייְנְבְּרֶענְגֶען גְרוֹיסֶע רְוָוחִים אוּן צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מְ'קֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען דֶערוֹיף קַיין רְשׁוּת צוּ בּוֹיעֶן, אוּן אִיךְ הָאבּ דֶערְלֵייגְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ. אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר פוּן דֶעם, סְ'אִיז פַאר מִיר זֵייעֶר אַ שְׁוֶועעֶרֶע זַאךְ אַרָאפְּצוּשְׁלִינְגֶען, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## א בריוו פון דער ראש ישיבה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ה:): דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער שָׁאדְן, עֶס אִיז אִים פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן פִיר הוּנְדֶערְט פֶעסֶער וַויין, זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּן אִים מְחַזֵּק זַיין. זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר רַב הוּנָא: "לְעַיֵּין מַר בְּמִילֵּיהּ", עֶר זָאל מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט עֶר צוּרִיק רַייךְ וֶוערְן. הָאט רַב הוּנָא גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים: "מִי חַשִׁידְנָא בְּעֵינַייכוּ", אִיר זֶענְט מִיר חוֹשֵׁד אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים? הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "וּמִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִּינָא בְּלֹא דִינָא", אִיז דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער חָשׁוּד אַז עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטְס אוּמְזִיסְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שָׁאדְן אוּמְזִיסְט אוֹיבּ עֶס קוּמְט נִישְׁט, הָאט רַב הוּנָא זֵיי גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אִין אִים, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר צָאלְט נִישְׁט זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען, רַב הוּנָא הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז עֶר גֵייט זֵיי גֶעבְּן וִויפִיל מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעְן אַ נֵס אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְלוֹירְן קַיין גֶעלְט.

אַז דוּ הָאסְט שָׁאדְן זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט דִיר גְרוֹיסֶע נִסִּים, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע שָׁאדְנְס, דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן פַארְדִינֶען גְרוֹיסֶע רְוָוחִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שָׁאדְן וְכוּ' דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס מִיט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפז): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סב, יג): "**וּלְךָ ה' חָסֶד כִּי אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ**", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חֶסֶד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ שְׁטְרָאף מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט וֶוען אַן עוֹנֶשׁ סְתַם אַזוֹי וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוְויסְט אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶער וֶוען דֶער עוֹנֶשׁ אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, גֶעוָואנְדְן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, וֵוייסְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

משה ארי' שניצלער

# דינאלי יא ברסלב נישט



וועין מ'קוקט אריין אין די ענין פון פרה אדומה זעט מען אז די "מורא'דיגע" מעכטיגע מעגע מעגע קושיא וואס די אלצווייסערס פרעגן אויף ברסלב איז שוין אלט דריי טויזנט יאר.

דער שטן און די אומות העולם טשעפענען די אידן בכל דור ודור.

אין יעדן דור איז דא א ערליכער איד וואס רופט אויס יעדן טאג "ברודער, דו קענסט צוריק קומען צום אייבערשטן די מינוט, קענסט איבערמישן דאס בלעטל, דורכ'ן רעדן צום אייבערשטן קענסטו זיין א ניי געבוירענער מענטש".

און אין יעדן דור איז דער שטן פארשטעלט אין שיינע זיידענע וואזשנע בא'טעם'טע צוקערדיגע האניגדיגע מענטשן וואס טשעפענען יעדע ערליכע נשמה וואס וויל צוריק קומען צום אייבערשטן, מיט די לעכערליכע טענה אז תשובה איז קעגן די מסורה (השם ישמרינו).

ער פארט ארום מיט א שווארצע טונקלפענסטערדיגע יוקאן דינאלי און ער זאגט אז דער אשר בנחל איז אוועק פון די מסורה

ער ווארעמט אן די לעפט-אווער קוגל און פערפל יעדן זונטאג מיט'ן מייקראוועיוו און ער שרייט אז מוהרא"ש איז אוועק פון די מסורה.






ער טונקט איין די קאליפארניע ראלל אין ספייסי מעיאו און שרייט אז ער וויל נישט קוקן אין עצתו אמונה ווייל ס'איז קעגן די מסורה.

העט ער ווען גערייזט אין א צובראכענע ריטשקעדיגע קוויטשקעדיגע שפענדלדיגע וועיגעלע מיט אן אויסגעדארטן מאראסטיגן פערדל און געגעסן קאלטע קוגל העט איך וועין אויך נישט געדארפט הארכן ווען ער שרייט "מסורה מסורה מסורה מעסוירע מעסוירררררעעע!".

מסורה הארכט מען נישט פון א דענדראף'דיגן גוטזאגער ביי די קאווע בשעת'ן פארשפעטיגן איין מנין נאכ'ן צווייטן

מסורה הארכט מען נישט פון איינעם וואס זיין תפלין לייגן קען נישט פאסירן אן פריער פארברענען צוויי שעה מיט וויכטיגע עצות פאר אמעריקע און פאר גאנץ מיטל מזרח.

מסורה הארכט מען פון א דיין, א רב, א תלמיד חכם.

פון א פראפעסיאנאלן צייטפארטרייבער הארכט מען גארנישט, ניטאמאל די מארגנדיגע וועטער.

א מענטש וואס איז נישט אום קוואדער צו ניינע צופרי ביים דעסק קען גרינג זיין דאס וואס חז"ל הקדושים שטעמפלען אפ אלץ א נערוון קראנקער און א בעל עבירה (עיין במסכתא אבות, הבטלה מביאה לידי זמה, הבטלה מביאה לידי שעמום).

די דריי טויזנט יעריגע קושיא גייט אזוי: (געב'זשעט ביטע א דריי מיט'ן גראבן פינגער), ווי אזוי קען ברסלב אויסרופן פאר כל מאן דבעי למידע אז ס'איז דא אזא זאך ווי תשובה, קענסט צוריק קומען צום אייבערשטן, אממעררררררר?! האסטו דאך געטון נישט גוטע זאכן?! און דיינע עבירות זענען דאך דא!!! געוואלד! דיינע עבירות איז דאך א טרוקענע פאקט!! האסטו דאך פארשפעטיגט זמן קריאת שמע!! געוואלד! ביסטער דאך דאך פאקטיש שמאקטיש פראקטיש פארשלאפן!! פאקט איז פאקט!! (דער אייבערשטער זאל באהיטן פון די אפיקורסישע רייד.)

אויב איינער האט
גע'הרג'עט א
מענטש, וואס
איז תשובה?!
וואס האסטו
פאראכטן?!
דער מענטש
איז טויט!! וואס
פאראכטן ווען
פאראכטן??!!

מיט דעם טייטשן אלע הייליגע ספרים אויס די לכאורה'דיגע סתירה, פון איין זייט זאגט רש"י אז פרה אדומה איז א חוק בלי טעם, און פון די אנדערע זייט זאגט רש"י, אז תבא אמה ותקנח צואת בנה, מ'האט געזינדיגט מיט די עגל, קומט די מאמע די קוה און ווישט עס אפ.

ס'איז דאך לכאורה א סתירה?!

נאר אלע ספרים זאגן די זעלבע זאך, אז דאס אליין אז אן עבירה זאל קענען ווערן אפגעווישט איז א חוק וואס דער הייליגער באשעפער האט גוזר געווען ברוב חכמתו.

ווייל לויט די מענטשליכע פליישיגע פאסטראמידיגע סאלאמידיגע טערקי-ראלל'דיגע נארישע שכל, איז טאקע נישט דא אזא זאך ווי תשובה.

אויב איינער האט גע'הרג'עט א מענטש, וואס איז תשובה?! וואס האסטו פאראכטן?! דער מענטש איז טויט!! וואס פאראכטן ווען פאראכטן??!! אויב איינער האט פארפאסט מנחה, וואס איז תשובה?! די טאג איז אדורך!!!!

אבער דער אייבערשטער האט געזאגט אז ווער עס קומט זאגן "חטאתי, כ'האב געזינדיגט" מעקט מען אויס זיינע עבירות.

נאכמער, דאס אז ס'זאל אויסזען ווי ס'איז דא א ערנסטע טענה קעגן תשובה, דאס אליין איז א בריאה וואס דער אייבערשטער האט געמאכט, דער אייבערשטער האט געמאכט אז ווער עס זינדיגט ווערט באקומען א שטראף אז מ'וועט אים זאגן אז ער קען שוין קיינמאל נישט צוריקגיין צום אייבערשטן, דו וועסט שוין קיינמאל נישט זיין א ערליכער איד, און די sad part איז, אז דו הערסט אים נאך אויס...

ווען דער הייליגער באשעפער האט באשאפן די וועלט האט ער באשאפן אדם און חוה און אויך א שלאנג.

מען קען דרוקן גאנצע חיבורים פון די גרויסקייט פון אדם הראשון, די מדרש זאגט אז די ביין פון די קנעכל פון אדם הראשון, האט פארטונקלט די זון!! אדם הראשון איז געווען א שטיק לעכטיגקייט וואס מ'קען נישט אויסמאלן מיט די מענטשליכע שכל.

אבער אזוי גרויס ווי אדם הראשון איז, אזוי גרויס איז די שלעכטיגקייט און עקלדיגקייט פון דעם שלאנג.

אזוי ווי ס'איז דא מיליאנען אידן און מיר שטאמען פון אדם הראשון, אזוי איז אויך דא שלענג וואס שטאמען פון דעם שלאנג הראשון, און זיי גייען ארום אזוי בא'טעם'ט צו די וואס זאגן משניות אז "ס'איז נישט אזוי פשוט", תשובה איז נישט אזוי פשוט, רעדן צום אייבערשטן איז נישט אזוי פשוט, "מ'דארף וויסן וואו איין וואו אויס"...

לאמיר אלע תשובה טון דורך אננעמען די ווערטער פון ערליכע אידן אז דער אייבערשטער איז דא און יעדער קען רעדן צו אים.


HURLEYVILLE
LEASING
STAY UP ALL NIGHT...
WITH 2024 NEXT-GEN CHEVY TRAVERSE
SELF DRIVE TECHNOLOGIES.
845-720-0041 SALES@HURLEYVILLELEASING.COM WWW.HURLEYVILLELEASING.COM


Deadline to advertise Sunday 12:00 PM
קלאסיפייד


SHIRTS | PANTS
BELTS | SOCKS
PAJAMAS
UNDERWEAR
TIGHTS | LINGERIE
DIAPERS | ONESIES
BIBS | RAIN COATS
SWIMWEAR
TERRY ROBES
Delivering all dry goods for the family to the entire Catskills region
WE'RE ON THE WAY TO YOU
845.747.5552
1619 Rt. 52
DRY GOODS
Hours Sun. - Thurs. 10:30-6:00 Fri. 10:30 - חצות


DYNAGRAFIK 845.352.1266
Delicate Rose
FINE LINGERIE
LIBERTY, NY | 347.693.7915
OPEN ALL YEAR ROUND
CALL FOR SUNDAY AND
EVENING APPOINTMENTS
CERTIFIED
KAYE LARCKY
FITTER
ABERGELE VA BIEN YOU FITFULLY YOURS GEMSLI KAYE LARCKY

# Get care at home.

TELEHEALTH VISITS
WHEN A PHONE CALL IS ENOUGH

We accept most insurance plans

PRESCRIPTION REFILLS | STREP CULTURES | FLU & COVID/ RSV TESTING | SEASONAL ALLERGIES | EAR EXAMS | RASHES/ PINK EYE | URINE CULTURES | LAB-WORK

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030

Sun: 12pm-6pm | Mon-Thurs: 3pm-10pm
info@medease.care | medease.care

SERVICING BROOKLYN & CATSKILL AREAS

# די ערשטע סטאפ אויפן וועג אין קאנטרי




Free Delivery with minimum order

מיר האבן א רייכע אויסוואל
פון אלע, games, Judaica
און ביכער פאר קליין און
גרויס. ווי אויך פארמאגגן מיר
א רידיגע אויסוואל פון אלע
סארטן זילבער פילד כלים.
**מיר זענען אפען א גאנץ יאר**

**שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער**
**ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס**

**אפען טעגליך** - 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
**פרייטאג** - 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
**מוצאי שבת** - א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00

347.578.4449

51 Twin Bridge Rd.
Liberty N.Y. 12754
left side entrance

*Professional job done*



*within a week*

## KB Seamstress

Special expedite service! have your job done in 2 business days for double price.
All prices are given after job is done.
Drop off your bag at my door with your name, phone number and information I need to know.
For your convenience we sell basic sewing supplies and accessories for school and home use:

Tracing wheel
Magnet tray
Basic color thread Zippers
Shirt buttons
Bekisha buttons
Men suit buttons
Hook & eyes
Rubber
Velcro
Safety pins Black ribbon,
Adjustable reflector
Ez lastic
Ez sticker lables
Fabric scissors
Pins without head Machine needs
Tape measure Triangle chalk
Bobbins
Permanent marker
Seam ripper
Tracing paper

Looking forward to serve you
Mrs. Weberman - 136 Hsuchke Rd - 845-662-408

# מעשיות פון תפילה



## יואליש קרויס

ביתר

1. איין פרייטאג האב איך געזען מיין אינגעלע האלט מיין ווייב'ס טעלעפאן, און פון דעמאלט און ווייטער האט מען דאס נישט געטראפן מער, א וואך צייט האבן מיר עס געזוכט איבעעערררראאאללל, איבערגעדרייט דעם הויז, פסח'דיג געמאכט, אבער הילד איננו, דער פאון איז נישט צום געפונען.

מיר האבן א גאנצע צייט געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל עס טרעפן, איך האב געפרעגט מיין זון זאל זיך דערמאנען וואו ער האט עס געלייגט, אבער ער 'האט נישט קיין אאאנונג'. דעם קומענדיגן דאנערשטאג זאגט מיר מיין ווייב אז זי וויל גיין קויפן א נייע פאון ווייל עס איז שוין א וואך צייט וואס מען דרייט איבער דעם הויז און מען טרעפט עס נישט, האב איך איר געזאגט אז א וואך צייט פון תפילות גייט זיכער נישט לאיבוד, און עס איז פשוט א שאד צו קויפן א פאון, אויב מען גייט עס זיכער טרעפן ביים סוף בזכות די אלע תפילות.

אזוי רעדנדיג הערט מיין אינגל אז מיר רעדן וועגן די פאון, זאגט ער מיר "קום איך וועל דיר ווייזן וואו איז מאמי'ס פאון" פרעג איך אים פארוואס ער האט נישט געזאגט ביז יעצט? זאגט ער אז ער האט פארגעסן, און ער האט זיך נאר יעצט דערמאנט, ער ווייזט מיר אויבן פון א שאפע אז די בעיבי האט עס ארויפגעווארפן טיף אריין אין די העכסטע שעלף (פרעג מיך נישט וויאזוי), למעשה איז עס געליגן העכער די שאפע כמעט ביים דאך, א פלאץ וואס אפילו בדיקת חמץ מאכט מען נישט דארט, ווייל עס איז א "מקום שאין מכניסין בו חמץ" (איך מיין אז נעקסטע יאר וועל איך שוין יא דארפן מאכן דארט בדיקת חמץ...)

שכח אייבערשטער אז קיין איין תפילה גייט נישט לאיבוד!

2. איך בין געווען ביי א חתונה אין בני ברק, אויף רחוב שלמה המלך וואס דארט איז דא בערך צען חתונה זאלן, און קיין איין פארקינג... איך האב געפארקט אויף א פלאץ וואס אין געוויסע צייטן טאר מען דארט נישט פארקן, איך האב נישט געוויסט קלאר וועלכע צייטן מען קען יא אדער נישט פארקן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז בזכות שמחת חתן וכלה זאל איך יעצט נישט באקומען קיין טיקעט.

פונקט ווען איך בין ארויסגעקומען פון די זאל זע איך ווי א פאליס גרייט זיך צו שרייבן א טיקעט, האב איך אים געזאגט אז איך פאר שוין אוועק, ער האט עס טאקע אנגענומען און מיך נישט געשריבן קיין טיקעט.

## יואל וועבערמאן

קרית ברסלב

מיין טעלעפאן איז אריינגעפאלן אין וואסער, ווען איך האב עס ארויסגענומען האב איך געזען אז די טעלעפאן איז געווארן צובראכן צוליב די וואסער, די סקרין האט זיך גענומען בלינקן, איך האב עס נישט געקענט געהעריג ניצן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל ווערן פאררעכטן, איך זאל דאס קענען ווייטער ניצן פאר אלע גוטע זאכן, פאר אהיימרופן, פאר מאכן אינטערוויוס און אזוי ווייטער.

שכח אייבערשטער אז נאך אפאר טעג האט זיך עס פאררעכטן ווי גלייך עס האט קיינמאל פאר דעם נישט געמאכט קיין פראבלעמען.

## זלמן וויזל

בראכפעלד

1. איך האב געזוכט א שטיק צייט א נייע ארבעט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א פיינע גוטע ארבעט, מיט גוטע שעות, שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א פיינע נייע ארבעט.

2. איך האב באקומען א פארקינג טיקעט, און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל עס מבטל זיין, עס זאל מיר נישט קאסטן קיין געלט, אפילו עס מאכט זיך נישט געווענליך אזא זאך, אבער בעטן דעם אייבערשטן קען מען אלעמאל, שכח אייבערשטער אז זיי האבן עס טאקע מבטל געווען.

## שלום אלי׳ אינדיג

מאנטריאל

1. איך האב געדארפט האבן א געוויסע סכום געלט, איך האב נישט געהאט די געלט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן די געלט וואס איך דארף, נאכן בעטן דעם אייבערשטן איז מיר בייגעפאלן א וועג וויאזוי איך קען האבן די געלט.

א טאג נאכדעם האב איך נאכאמאל געדארפט האבן א סכום געלט, האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן דאס געלט, איך האב געזאגט פארן אייבערשטן פונקטליך פאר וועלכע סיבה איך דארף דאס געלט, אזוי נאכן בעטן דעם אייבערשטן איז מיר בייגעפאלן אז איך קענען ניצן געלט וואס איך האב אוועקגעלייגט פאר א געוויסע זאך, וואס יענץ וועל איך מיך שוין אן עצה געבן שפעטער ווען מען וועט דאס דארפן.

נאר מיט תפילה ארבעט עס.

2. איך גיי ברוך השם הפצה א גאנץ יאר, און יעצט זומער גיי איך הפצה אין קאנטרי אויף די בערג, מזכה זיין אידישע קינדער מיט די געשמאקע קונטרסים פון הייליגן רבי'ן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן פרישע ספרים פון בית הדפוס אין קרית ברסלב, די אינגעלייט וואס קומען יעדע שטיק צייט קיין מאנטריאל, האבן מיר געזאגט אז זיי קומען נישט במשך די זומער טעג קיין מאנטריאל ווייל דער ראש ישיבה איז אין שטעטל זומער, במילא קומען זיי נישט אהער, אבער איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך דארף האבן פרישע ספרים, איך דארף א וועג עס זאל אנקומען צו מיר.

מה עשה הקדוש ברוך הוא, דער אייבערשטער האט געהאלפן אז א אינגערמאן האט מיר גערופן זאגן אז ער קומט די וואך קיין מאנטריאל און ער קען ברענגען מיין פעקל, שכח אייבערשטער.



# א מעשה פון א צדיק

## דִּי זַאלְצְבַּאךְ שַׁ"ס

מוֹהֲרָא"ש הָאט אַמָאל גֶעזֶען ווִי אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זִיצְט אִין אַ ווִינְקְל און זָאגְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אִינְמִיטְן קוּמְט צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן צוּ דֶעם בָּחוּר, און הֵייבְּט אִים אָן דְרֵייעֶן אַ קָאפּ אַז עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט אַ וֶועג פוּן לֶערְנֶען, עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט. עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט צוּ דֶעם בָּחוּר בִּיז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַז דֶער בָּחוּר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט לֶערְנֶען, און פַארְמַאכְט דִי מִשְׁנַיוֹת,

דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעפִילְט גוּט און זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן מִיט זַיין שְׁרִיט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ אַוֶועקְנֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, און עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן זַיין מוּצְלָחְ'דִיגֶע דֶערְגְרַייכוּנְג.

וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן: יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין דִי חִילוּק פוּן אֶמֶת און שֶׁקֶר, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעזֶען אַז דוּ גֵייסְט צוּ אַ בָּחוּר וָואס הַאלְט אִינְמִיטְן לֵיינֶען אַ צֵייטוּנְג, אָדֶער רֶעדְן דְבָרִים בְּטֵלִים, און דִי בִּיסְט אִים מְעוֹרֵר צוּ זָאגְן תְּהִלִים, וָואלְט אִיךְ גֶעווּיסְט אַז בִּיסְט אַ אֱמֶתְ'עֶר מֶענְטְשׁ, דַיין כַּוָונָה אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, פָּשׁוּט עֶס בְּרֶענְט דִיר אַז בָּחוּרִים זָאלְן נִישְׁט בַּטְלָן צַייט, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ, אַז דִי בָּחוּרִים וָואס טוּעֶן גָארְנִישְׁט, זֵיי זִיצְן און רֶעדְן שְׁטוּתִים, זֵיי זָאגְסְטוּ גָארְנִישְׁט, נָאר אַ יוּנְגֶע בָּחוּר וָואס לֶערְנְט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אִים שְׁטֶערְסְטוּ פוּן לֶערְנֶען, און דוּ הַאלְט זִיךְ נָאךְ גְרוֹיס דֶערְמִיט, דָאס אִיז פָּשׁוּט וַוייל עֶס בַּאדֶערְט דִיר אַז אַ בָּחוּר הַרְגְ'עֶט זַיין יֵצֶר הָרָע, בִּיסְטוּ פָּשׁוּט אַ שַׁקְרָן, און אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. און מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים תֵּיכֶף פַארְשִׁיקְט פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי חַיִים וַואלָאזִינֶער ז"ל אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים און גֶעלֶערְנְט, וֶוען אִינְמִיטְן אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַן אַרְבֶּעטְס אִיד, וֶוען הָרַב חַיִים הָאט בַּאמֶערְקְט דֶעם פָּשׁוּטְן אִיד הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִים מְלֹא קוֹמָתוֹ.

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם און גֶעפְרֶעגְט פוּן זֵייעֶר רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, וואוּ אִיז דִי כָּבוֹד הַתּוֹרָה, אַז אַזַא גָאוֹן און קָדוֹשׁ זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אַזַא פָּשׁוּטְן אִיד?" הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְפֶערְט: "דֶער אַרְבֶּעטְס אִיד הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס"... דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען לַאכְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט וָואסְפַארַא חֲשִׁיבוּת אִיז דָאס? עֶר קֶען זִיכֶער נִישְׁט קַיין לוֹמְדוֹת מִיט פִּלְפּוּלִים.

הָאט זֵיי הָרַב חַיִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז עֶס אִיז דָא אַן אַלְטֶע שַׁ"ס פוּן דְפוּס זַאלְצְבַּאךְ, וָואס אִין דֶעם שַׁ"ס אִיז פַארְהַאנֶען אַסַאךְ טָעוּתִים. עֶס פֶעלְט גֶעווִיסֶע זַאכְן, שְׁפֶּעטֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ נֵייעֶ שַׁ"ס פוּן דְפוּס אַמְשְׁטֶרְדַאם, וָואס דָארְט הָאט מֶען שׁוֹין פַארְרָאכְטְן אַלֶע גְרַייזְן, און מֶען הָאט צוּגֶעלֵייגְט הַגָּהוֹת פוּנֶעם רְשַׁ"שׁ און פוּן נָאךְ גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, קֶען דֶען אֵיינֶער קוּמֶען זָאגְן אַז דִי זַאלְצְבַּאךְ שַׁ"ס אִיז נִישְׁט קַיין שַׁ"ס? אַוַודַאי אִיז עֶס אַ שַׁ"ס! נָאר וָואס דֶען, עֶס אִיז אַ שַׁ"ס מִיט גְרַייזְן, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט דֶעם אַרְבֶּעטְס אִיד, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט שַׁ"ס, נָאר וָואס, עֶר הָאט דֶעם פֶעלֶער אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַזוֹי פוּנְקְטְלִיךְ יֶעדֶע זַאךְ, דָאס אִיז נִישְׁט עֶרְגֶער פוּן אַ זַאלְצְבַּאךְ שַׁ"ס".




פוּן דֶעמָאלְט הָאבְּן שׁוֹין דִי תַּלְמִידִים פַארְשְׁטַאנֶען דִי חֲשִׁיבוּת און מַעֲלָה פוּן אַ אִיד וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ מְסַיֵים זַיין שַׁ"ס נִישְׁט קַיין חִילוּק אוֹיף וָואסְפַארַא וֶועג עֶס אִיז.

(שיחות מוהרא"ש חלק א' שקר, חלק י', סדר דרך הלימוד)

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



## פ"א

## פָּאַרְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָפּ אוֹיף שַׁבָּת אִין אוּמַאן, וואוּ סְ'הָאבְּן דַאן גֶעוואוֹינְט מַשְׂכִּילִים רְשָׁעִים.

דִי אַייְנְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי דְרֵיי אַפּוּקוֹרְסִים, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְרוֹבִים לְמַלְכוּת, נָאנְט מִיטְ'ן קֵייזֶער.

יֶעצְט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי קוּמְט קַיין אוּמַאן, הָאט חֵייקְל אֶפִּיקוֹרוֹס גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, "אִיךְ וֶועל גֵיין קוּקְן וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט אִים, אוּן אִיר בְּלַייבְּט דָא. אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זֶען אַז סְ'אִיז דָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, וֶועט אִיר אוֹיךְ נָאכְקוּמֶען נָאךְ מִיר". חֵייקְל אִיז אַרַיין צוּם אַכְסַנְיָא פוּן רֶבִּי'ן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דִי סְעוּדָה, וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "וָואס וִויל אַ אִיד?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָא אָנְגֶעקוּמֶען, בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין", הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ?! דָא קֶעגְן אִיבֶּער שְׁטֵייט אַיין אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ!", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוִויזְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט צוּם אַכְסַנְיָא קֶעגְן אִיבֶּער, וואוּ סְ'אִיז דֶעמָאלְט אַייְנְגֶעשְׁטַאנֶען אַ רוּסִישֶׁער גֶענֶעַראל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין?".

דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים וִוי אַ פַּאטְשׁ אִין פָּנִים, עֶר הָאט גֶעשְׁוִויגְן אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דָארְט אַבִּיסְל, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרוֹיס. עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע אֵיידֶעמֶער, "כָּאטְשׁ אִיךְ הָאבּ קוֹים גֶערֶעדְט מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט מִיר אוֹיךְ אַבִּיסְל פַארְשֶׁעמְט, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן זֶע אִיךְ אַז סְ'אִיז דָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן. דֶערְפַאר זָאלְט אִיר יֶעצְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל, אוּן פַארְנַאכְטְס בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת זָאלְט אִיר גֵיין צוּ אִים אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעזֶעסְן מִיט עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן אוּן גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעדְרֵייט מִיט חָכְמָה דִי תּוֹרָה אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ רֶעדְן אִיבֶּער אַ טִיפֶער חֶשְׁבּוֹן, עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי גְמָרָא (סוּכָּה ח'.) "כָּל אַמְּתָא בְּרִבּוּעָא וְכוּ'", אִיבֶּער וָואס תּוֹסְפוֹת שְׁרַייבְּט דָארְט אַז רַשִׁ"י הָאט נִישְׁט מְדַיֵּיק גֶעוֶוען.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט צְוִוישְׁן זִיךְ, "דָאס רֶעדְט עֶר נִישְׁט צוּ זַיינֶע חֲסִידִים, דָאס מֵיינְט עֶר אוּנְז!". זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַארְטִיפְט אִין דֶעם חֶשְׁבּוֹן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן, "רֶבִּי, אַז אִיר וֵוייסְט יָא דֶעם חֶשְׁבּוֹן, זָאגְט עֶס אוּנְז", הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי עֶס זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, אוּן דָאס אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפָאלְן, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

נָאךְ שַׁבָּת זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶערֶעדְט מִיט אִים אוֹיף זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער, דֶער רֶבִּי הָאט מִיט גְרוֹיס חָכְמָה אַרוּמְגֶעדְרֵייט מִיט זֵיי, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פוּן אִים שֵׁיידְן.

זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן עֶר זָאל בְּלַייבְּן מִיט זֵיי אִין אוּמַאן, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט אַז וֶוען זֵיי וֶועלְן אִים בְּרֶענְגֶען דֶער כְּתַב יַד פוּן דֶעם בּוּךְ "יֵין הַלְּבָנוֹן", וֶועט עֶר קוּמֶען קַיין אוּמַאן. אוּן זֵיי הָאבְּן דָאס צוּגֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אוּן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט?**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִי"ה**

מיט א טיפער בליק

# א לעבל אינעם דאך פון פאלאץ

ישראל דוד העסקעל

ער האט מחליט געווען דאס איז עס! גענוג געווען מיטן בענקען, גענוג געווען מיטן טראכטן, א סוף גיימיר מאכן צום וועלן... די צייט איז רייף, איינמאל פאר אלעמאל גייט מען טון!

א גוי איז ער שוין אין די טיפע זיבעציגער יארן, אלע זיינע יארן האט ער ביטער שווער אפגעארבעט צו קענען דעקן זיין פשוטע מינימאלע דארפישע לעבן.

אין די אינגע יארן האט ער זיינע טעג פארברענגט מיטן זיצן שעות יעדן טאג אויפן וואסער כאפן פיש, געארבעט האט ער ווי א ריכטיגער גוי פון צאת החמה ביז צאת הנשמה, קיין שחרית האט ער נישט פארמאגט, אויך נישט קיין מנחה מעריב, קיין תורה, קיין ווייב מיט קינדערלעך אויך נישט, א וויסטע, פוסטע, ליידיגע, דעפרעסטע לעבן - א גוי!

איין זאך האט אים געהאלטן ביים לעבן דאס איז געווען די עבודת הפרך, איין תכלית האט ער געהאט, ארבעטן און ארבעטן, דאס שווער ארבעטן האט געמאכט ער זאל נישט צופיל קענען טראכטן פון זיין לעבן.



אין די שפעטערע יארן האט ער זיך געהאלטן פארנומען מיטן זיין א פארמער, ער האט פארמאגט קוען און פערדן, שעפעלעך און ציגעלעך, די גאנצע טאג האט ער זיך מיט זיי געהאלטן פארנומען, געגעבן צו עסן, אויפגעבויט זיי זאלן זיין פעט און שטארק, און געלייזט אפאר גראשן פון די מילך און פלייש וואס ער פלעגט פארקויפן.

געוואוינט האט ער אין גאר א קליינע דארף ווייט ווייט אוועק פון די גרויסע שטעט, ביי די נעכט פלעגט ער זיצן אין די לאקאלע שענק, טרינקן ביר און בראנפן ביזן צוזאמענפאלן... דארט פלעגט ער זיצן מיט די אנדערע פויערן און שמועסן פון גאר וויכטיגע זאכן העומדים ברומו של...

גאר אינטערעסאנט פלעגט אים זיין צו הערן וועגן דעם גרויסן מעכטיגן קעניג וואס קעניגט אויף זייער לאנד און געוועלטיגט אויף אלעס ארום, זייער

פארגאפט פלעגט ער ווערן יעדעס מאל ס'איז געווען עפעס א נייעסל אדער א קרישקעלע פונעם קעניג, פלעגט ער גאר פרייליך ווערן און נאר געוואלט הערן וואס מער נאך א ווארט נאך א מעשה, אזוי גרויס איז דער קעניג, אזוי מעכטיג איז דער קעניג.

היינט האט ער מחליט געווען 'דאס איז עס, איך גיי צום קעניג, אינטערעסירט מיך שוין גארנישט!' ער מאכט זיך א חשבון, וויפיל יאר לעבט שוין א מענטש, באלד ווערט ער פארוואנדלט אין א גל של עצמות מיט א גרויסן שטיין אויף דעם און דאס איז עס... ער מוז זען דעם קעניג, ער וויל באדינען דעם קעניג, ער וויל זיין נעבן דעם קעניג.

ער איז שוין קרוב לשמונים ער פארקויפט דאס גאנצע האב און גוטס וואס ער האט נאר פארמאגט, אלע קיען און בהמות, דאס גאנצע שטח זיינע, אלע שמאנצעס וואס ער האט זיך צונויפגעזאמלט דורך די יארן, ער פאקט זיך צאם זיין רענצעלע מיט די פאר זאכן וואס ער גייט מיטנעמען, ער געזעגנט זיך מיט די איינוואוינער פונעם דארף מיט וועמען ער האט אלע יארן פארברענגט, ער נעמט דעם וואנדער שטעקן און לאזט זיך אין וועג אריין.

לאנגע חדשים האט ער זיך געשלעפט איבער שטעטלעך און דערפעלעך, איבער בערג און טאל, אין ציפעדיגע קעלט, אין ברייעדיגע היצן, אבער די בענקעניש האט אים געשטופט פאראויס אין וועג, ער האט אזוי שטארק געבענקט צום קעניג אז ער האט בכלל נישט געשפירט די אלע שוועריקייטן, ער האט בלויז געוואלט קענען קומען צום קעניג און זיין ביים קעניג.

ענדליך ענדליך איז ער אנגעקומען צום עיר הבירה צום קעניגליכן פעסטונג, צו זיין פרייד איז נישט געווען קיין סוף, ער האט עס דערלעבט, נאכן בענקען און בענקען אזוי פיל יאר איז ער שוין קוים אפאר טריט אוועק פונעם קעניג'ס פאלאץ.

זיין הארץ ווערט איבערגעפילט מיט פרייד, ער נעמט זיך לויפן שנעלער, ענדליך זיין אויסגעווארטע מינוט ער גייט שוין קענען זען דעם קעניג.

ער לויפט צו צום הויפט אריינגאנג וואס איז פארשטייט זיך גוט באוואכט מיט פילע באדינער. מיט א קאלטע שטימע פרעגט דער באדינער ביים טויער "וואס דארפט איר?"

ער הייבט אן מסביר זיין אז שוין יארן יארן בענקט ער צום קעניג, ער חלש'ט צו זען דעם קעניג, ער וויל כאטש איינמאל קענען



## ניסן

מו״ה
לוי יצחק
זאפיר
הי״ו

מו״ה
אשר דוב
אינדארסקי
הי״ו

## אייר

מו״ה
מנשה
איצקאוויטש
הי״ו

מו״ה
אברהם אלי׳
זעלקאוויטש
הי״ו

מו״ה
יעקב שאול פיש
הי״ו

## סיון

מו״ה
יואל לאנדא
הי״ו

מו״ה
אברהם יצחק
איינער
הי״ו

מו״ה
שמולק בלעדי
הי״ו

## תמוז

מו״ה
שלמה
יאקאבאוויטש
הי״ו

מו״ה
הרוצה
בעילום שמו
הי״ו

מו״ה
מרדכי הימליך
הי״ו

## אב

מו״ה
משה יחיאל
פעלדמאן
הי״ו

מו״ה
יהודה אריה לייב
ליברמן
הי״ו

מו״ה
שמשון צבי
טייטלבוים
הי״ו

## אלול

מו״ה
משולם
פינטער
הי״ו

מו״ה
הרוצה
בעילום שמו
הי״ו

מו״ה
חיים ישעיה
דעפריס
הי״ו

הֵיטִיבָה ה
וְלַיְשָׁרִים

יעמ
על הפ
ידידינו

פאר די ה

# חודש

| | |
|---|---|
| מו״ה<br>שלמה<br>יאקאבאוויטש<br>הי״ו | מו״<br>הרו<br>בעילום<br>הי״ |

די זכות פון ארויסהעל
מוסדות זאל אייך ב
ברוכי, פרנסה בשפע,
מיט פול סייע

ה' לַטּוֹבִים
בְּלִבּוֹתָם

מוד
ברכה
הנכבד

ענט פון

תמוז

מו"ה
מרדכי
היימליך
הי"ו

מו"ה
...צה
...שמו

...פן דעם הייליג'ן רבינ'ס
...ישטיין צו האבן בני
...געזונטע לאנגע יארן,
...תא דשמיא.

## תשרי

מו"ה
יואל
מענדלאוויטש
הי"ו

מו"ה
הרוצה
בעילום שמו
הי"ו

מו"ה
יואל טייטלבוים
הי"ו

## חשון

מו"ה
מנחם
שטיינבערג
הי"ו

מו"ה
יצחק אייזיק
ראטה
הי"ו

מו"ה
דוד טשעגל
הי"ו

## כסלו

מו"ה
אברהם פרידריך
הי"ו

מו"ה
יעקב שלום
ראטענבערג
הי"ו

מו"ה
אהרן שלמה
שווארטץ
הי"ו

## טבת

מו"ה
מרדכי הערצאג
הי"ו

מו"ה
ישראל דוד
העסקעל
הי"ו

מו"ה
לייבי אפפעל
הי"ו

## שבט

מו"ה
יודא אריה
ראטה
הי"ו

מו"ה
שמעון
גאנצפריעד
הי"ו

מו"ה
שמעון איטהארן
הי"ו

## אדר

מו"ה
שבתי דוד
מארקס
הי"ו

מו"ה
אברהם יהושע
וועבערמאן
הי"ו

מו"ה
ישראל מנחם
ראזענבערג
הי"ו

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב
פיין



באדינען דעם קעניג און יעצט נאך חדשים חדשים פון זיין אינטערוועגנס איז זיין פרייליכע טאג ענדליך אנגעקומען, און דא שטייט ער פארנט פון פאלאץ און יעצט וויל ער אריינגיין צום קעניג.

דער באדינער געבט אים א קוק אָן, אַן אלטער ווי א אויסגעקלאפטע הושענא צובלאזן און צוואוואקסן, אנגעטון מיט פויערישע קליידער, צושליסן און צוריסן, און ער פארלאנג אן אודיענץ ביים קעניג! אזוי?!

דער באדינער קראכט אויס אין א הילכיגע געלעכטער און זאגט פאר דעם אלטן פויער: "זיי מוחל, ווער גאר שנעל נעלם פון דא אויב ווייסטו וואס איז גוט פאר דיר, דו מיינסט אז יעדער צודרייטער קען זיך אזוי אריינקומען צום קעניג ווען ס'פאלט אים איין די משוגעת? צום קעניג קענען נאר אריינגיין די גאר חשובע מענטשן מיט אן אפוינטמענט פון פריער, זייט מוחל און גייט אייך פון וואנעט איר זענט געקומען".

דער אלטער האט פונעם באדינער בכלל נישט געכאפט קיין התפעלות, זיין הארץ האט אזוי געבענקט צום קעניג. ער האט מחליט געווען אז ער גייט פונעם פאלאץ זיך נישט אוועקרירן, ער וויל זיין דאס נאענטסטע מעגליך צום קעניג.

אזוי איז ער געווארן א תושב אויפן גאס אינדרויסן פון פלטרין של מלך, א גאנצן טאג האט ער זיך נישט אוועק גערירט פונעם קעניג'ס פאלאץ. אזוי איז דורך א לאנגע תקופה ביז אלע וואס פלעגן זיך דרייען ביים קעניג האבן שוין געקענט דעם אלטן וואס זיצט אינדרויסן פון פאלאץ און בענקט אזוי שטארק צום קעניג.

ויהי היום, עס האט זיך געמאכט אז דער גוי וואס פלעגט זיין ממונה אויף די הייצונג פונעם קעניג'ס פאלאץ איז געשטארבן און מ'האט געדארפט טרעפן א צווייטן צו זיין גרייט צו טון יעדן טאג די גאר שווערע ארבעט פון שלעפן די קוילן, הייצן די אויוון און אויסרוימען די קוילן...

פאר די פירערשאפט פונעם פאלאץ איז איינגעפאלן אז ס'איז דאך דא אינדרויסן פונעם פאלאץ דער אלטער וואס וויל אזוי שטארק זיין ביים קעניג און באדינען דעם קעניג, לאמיר אים פרעגן אויב ער איז גרייט אנצונעמען דעם פאסטן.

דער אלטער איז געווארן מלא שמחה ווען ער האט געהערט דעם פארשלאג וואס זיי האבן אים מציע געווען, גראד איז ער אויף דעם ארויפגעשפרינגען, זיכער נעמט ער אן די ארבעט, ער וועט זיין ממונה, מאכן זיכער אז דער קעניג וועט זיין פיין ווארעם.

אזוי האט מען אים געטראגן צו די שטיבעלע דארט אינעם קעלער פון פאלאץ און אים געוויזן פונקטליך וואס ער האט צו טון.

ער האט געטון זיין ארבעט מיט גרויס געטריישאפט, ער האט זיין גאנצע הארץ אריינגעלייגט אין דעם, טאג און נאכט איז ער פארנומען געווען מיט זיין אמט פון קענען באדינען דעם קעניג.

נאך א שטיק צייט האט דער קעניג געשפירט אז עפעס האט זיך דא געטוישט, די לופט וואס קומט פון די קוילן פון אונטן איז זייער איינגענעם אסאך מער ווי ס'פלעגט אייביג זיין, ער האט זיך נאכגעפרעגט וואס מ'האט געטוישט ביי די קוילן צימער, האבן די באדינער געענטפערט אז דא איז געקומען איינער אן אלטער וואס בענקט שטארק צום קעניג און ער טוט די קוילן ארבעט מיט גרויס געטריישאפט!

דער קעניג איז פון דעם זייער נתפעל געווארן, ער האט באפוילן אז מ'זאל דעם



אלטן ברענגן צו אים, דער קעניג וויל זיך מיט אים טרעפן!

ווי איר פארשטייט אליין איז קיין גבול נישט געווען צו די שמחה פונעם גוי, ענדליך גייט ער קענען אריינגיין צום קעניג זען די קעניג!

מ'האט אים אפגעוואשן און אפגעשוירן, אנגעטון מיט בכבוד'יגע מלבושים ווי עס פאסט פאר איינער וואס גייט אריינגיין צום קעניג.

די גליקליכע טאג איז דא, אלע טויערן עפענען זיך פאר אים, און ער גייט אריין צום קעניגליכן פאלאץ גראד צום קעניג!

דער קעניג ענטפאנגט אים בסבר פנים יפות, אזא געטרייער ארבעטער, ער טוט זיין ארבעט באמונות, בשלימות פארן קעניג ווי עס פאסט, דער קעניג פרעגט אים: "וואס קען איך דיר געבן? דו קענסט זיך יעצט קלויבן איין זאך און איך וועל דיר עס געבן".

דער גוי טראכט נישט קיין צוויי ער זאגט פארן קעניג: "הער אויס אדוני המלך, איך וויל קענען זען יעדן טאג דעם קעניג, איך וויל קענען יעדן טאג דא אריינקומען צום קעניג!"

דער קעניג הערט אים אויס און זאגט אים: "הער צו, דא אריינקומען אין פאלאץ יעדן טאג קענסטו נישט ווייל דא איז גאר א פארנומענע פלאץ, פון דא פירט זיך דאס גאנצע לאנד, מ'קען זיך נישט סתם דרייען דא... אבער, איך וועל דיר מאכן א קליין לעכל אינעם דאך און מיט א לייטער וועסטו קענען ארויפקריכן פונעם בעיסמענט פון וואו דו ארבעטעסט און אריינקוקן אין פאלאץ!

דער גוי איז געווען העכסט צופרידן, מער פון דעם האט ער נישט געדארפט! ער וועט יעדן איינציגן טאג קענען זען דעם קעניג, ער איז געווען פריילך ביז גאר!

איין טאג גייט ער אין גאס און ער טרעפט אן דעם בן מלך וואס האט זיך פארזינדיגט פארן טאטן און איז פארטריבן געווארן פון פאלאץ. דער בן מלך גייט צו צום אלטן גוי און פרעגט אים אפשר קענסטו מיר טון א טובה? איך בענק זיך אזוי שטארק צו מיין טאטע, אפשר קען איך קומען צו דיין לעכל און כאפן א בליק אינעם קעניגליכן פאלאץ?

דער אלטער כאפט אים אן און הייבט אן שרייען אויפן בן מלך "וואס איז די מעשה מיט דיר? מילא איך אן אלטער פרעמדער פויער, דארף איך א לעכל אינעם דאך צו קענען זען דעם קעניג, אבער דו?! דו ביסט דאך דעם קעניג'ס א קינד! דו קענסט אריינגיין ביזן קעניג און זאגן 'איים סארי' און דער קעניג וועט דיר גלייך צוריק נעמען צו זיך דו דארפסט נישט מיין לעכל..."

וואס איז די מעשה מיט דיר? דו ביסט דאך שוין יא מקורב צום הייליגן רבי'ן וואס דרייסטו זיך ארום ווי אזא פארלוירענע נשמה, גיי אין די זייט און רעד ארויס אפאר ווערטער צום אייבערשטן, בעט איבער דעם אייבערשטן, זאג 'איים סארי' אייבערשטער'! דער אייבערשטער נעמט דיר גראד צוריק! דו דארפסט נישט עפעס זייטיגע עצות מיט חכמות אנצוקומען צום

אייבערשטן, דו האסט דעם בעסטע וועג אפען פאר דיר, דו דארפסט עס נאר ניצן.

דער ראש ישיבה זאגט אז ווען מוהרא"ש האט ארויסגעגעבן דעם ספר אשר בנחל האט מוהרא"ש געזאגט אז דעם ספר וועט מען נישט דארפן בלעטערן, נאר וואו מ'וועט נאר עפענען דעם ספר וועט מען גראד טרעפן 'אייבערשטער'.

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז דאס איז מיט אלע ספרים פון מוהרא"ש און פון דער ראש ישיבה, און איינמאל מ'האט שוין ספרי אשר בנחל און עצתו אמונה וואס דורכדעם ווערט א מענטש שוין צוגעוואוינט צו זעהן דעם אייבערשטן, צו טראכטן פונעם אייבערשטן, וועט מען שוין שפעטער זען אויך אין אלע אנדערע ספרים פון צדיקים נאר 'אייבערשטער'.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז פארן התקרבות צו מוהרא"ש זי"ע פלעגט ער בלעטערן פארן דאווענען אין ספרים, זוכן אביסל אויפצופלאמען צום אייבערשטן, אבער איינמאל מ'האט שוין ספרי אשר בנחל און עצתו אמונה טרעפט מען שוין 'אייבערשטער' וואו מ'וועט עס נאר עפענען!

א מחי' צו לעבן מיט די זיסע עצות פון הייליגן רבי'ן, א מחי' אז מיר זענען מקורב צום צדיק אמת, מיר לעבן מיטן אייבערשטן, און ווען מ'פאלט חלילה אראפ וועקט אונז דער ראש ישיבה אויף צו גראד צוריק לויפן צום אייבערשטן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

ב"ה

שבת קודש
פרשת חקת
תשפ"ד לפ"ק

מרישא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי מכון עצתו אמונה

עצתו אמונה
חלק י"א
ערשטע פאזע:
1 הגהה

איש אמונות
תש"פ חלק א
דריטע פאזע:
3 מפתחות

ליקוטי מוהר"ן
עם פירוש שפתי תפתח, סימן ד'
ערשטע פאזע:
1 ניקוד והגהה

בשורה טובה: מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער OJC אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה'
רופט שוין אן ר' ישעי' איידליס הי"ו צו נעמען אייער זכות 347.831.1391



# אפעטיטליכע אידישקייט

זיצט ביים שבת טיש
מיט ביטערניש
ער וועט דארפן זוכן אן ארבעט פון פריש...
קרעכצט און קלאגט
זיין פנים זאגט
פון היטן שבת ער איז פארווייטאגט...

אין הארץ איינגעגעסן,
ביים קינד א לעסאן
פון היטן אידישקייט ער וויל פארגעסן...
אויב עס איז שווער
אוועק מיטן שטער
פון זייערע דורות נישט געבליבן מער...

פנים'ער וואס גלאנצן
א ניגון אונטערטאנצן
אזוי טוט מען אידישקייט איינפלאנצן...
ווען מצוות מ'טוט
מיט א גוטע געמיט
האבן די קינדער צו דעם אפעטיט...

צניעות ווי זיס
שבת א זכות
ווי געשמאק א איד צו זיין איז...
באשעפער, העלף אונז,
באווייזן דעם קונץ
ערליכע קינדער איז דאס גרעסטע געווינס!!!

# בית פיגא

מ. קורדובה ארץ ישראל.

אמאל אמאל האט זיך געעפנט א קליינע סקול,
נישט נאך א מוסד, א שולע, עפעס אנדערש 'קול'.
די שולע פארמאגט עפעס ספעציעל,
נישט ווי יעדן, ווייניגער אפיציעל.
אויפן הייליגן רבי'ס מאמע א נאמען געגעבן,
"בית פיגא" וועט מיר גרייט מאכן צום לעבן.
פונעם הייליגן רבי'ס שכל, און הייליגע דיבורים,
וועלן די געטרייע טיטשער'ס אויסלערנען גוטע לימודים:

אמונה, שמחה, דאס שיינקייט פון זיין אנגעטון איידל,
א דרך ארצ'דיגע - וואס פאלגט! - דאס מיינט א וואוילע מיידל.
אידישקייט איז זיס! אידישקייט איז יאמי!
דאס גרעסטע זאך איז - העלפן טאטי און מאמי!

ארויסגיין פון מיין וועג, געבן פון זיך,
איך טו קיינעם אויף, אויסער מיך.
וויסן אז דער אייבערשטער איז איבעראל,
און זיין ליבשאפט צו מיר, איז אן א צאל.

וואס איך דארף זאל איך נאר פון אים בעטן,
און נישט פארגעסן צו דאנקן אויף די גוט'ס וואס ער טוט מיר געבן.
א יעדע זאך זאל איך מיטן אייבערשטן זיך אויסשמועסן,
און ווען עפעס דרוקט, זאל איך צו אים מיין הארץ אויסגיסן.

זיך פרייען, זיך ליב האבן, פארגינען - געבן יענעם א גוטע פילינג,
האלטן פון זיך, זוכן אין מיר נאר גוט'ס - דאס איז די בעסטע הילינג.
מאוויי'ס, קליפ'ס, וואטשן שמוץ וועט מיין מח פארברענען,
נישט כדאי! איך וועל נישט קענען מיין לעבן געשמאק פארברענגען.

ביים שמועסן, שפילן, טאנצן וועל איך לייגן אכט - עס זאל זיין ערליך!
נישט נאכמאכן דעם גוי, זיך אויפפירן איידל - דאס וועט מיר מאכן פרייליך!
אין יעדן מצב זיך דערהאלטן, אפילו ס'איז שווער נאר מיין שידוך יעצט איך וויל,
און וויסן אז חתונה האבן, לעבן ערליך מאן און ווייב - איז די גרעסטע ציל.

אז איך וועל די לעכטיגע לימודים מקיים זיין!
וועט מיין לעבן ווערן הערליך שיין!
שכח אייבערשטער אויף די טייערע געשאנק!
"הייליגער באשעפער, אויף בית פיגא איך דאנק!"

**"העלף מיר מיין גאנץ לעבן,**
**א בית פיגא תלמידה זאל איך בלייבן.**
**די לעכטיגע לימודים זאל איך אייביג פאלגן,**
**און נאר צו דיר זאל איך שטענדיג האפן!"**






# כשר׳ע אינסגעהאלטענע טערעפי

ח. ה. מינצבערג

דאגה בלב איש ישיחנה... איז זי מסביר, מען דארף זיך אויסרעדן די הארץ פאר איינעם, דעריבער איז טערעפי זייער א גוטע זאך, היינטיגע צייטן איז דא גוטע כשר׳ע טערעפי וואס פירן נישט אראפ פון אידישן וועג, און רעדן נישט קעגן די עלטערן...

*

מנהג ישראל תורה, א ירושלים׳ער מנהג זיך צו צאמקומען יעדן שלש סעודות ביי די עלטערן, מען פוצט אויס אלע קינדער און מען גייט חלילה זיך נישט רירן פון די מסורה. גראדע גאנץ א געשמאקע זאך, נאר איין זאך דארף מען

אכטונג געבן - נישט דערמאנען דעם ווארט 'ברסלב', אויסער דעם איז אלעס פיין.

שמועסנ'דיג איז ארויפגעקומען דעם באקאנטן נושא פון "טערעפי", צו עס איז יא גוט, נישט גוט, יא אויסגעהאלטן, נישט אויסגעהאלטן, ווען אינצווישן איז די עלטסטע שוועגערין אויפגעקומען מיט די נייע אויפרייס פון כשר'ע ערליכע טערעפי, אלע האבן זיך צוגעהערט מיט אפענע מיילער, ווי נישט רעדט זי דברים של טעם, שטילערהייט האב איך געטראכט אז עס איז טאקע א שיינע זאך.

אבער שפעטער מיט התבודדות האב איך זיך איבערגעקלערט: וואס האב איך געהערט גוטע זאכן וואס מיר באקומען נישט דא אין היכל הקדוש??? איך האב דאך קיינמאל פארדעם זיך נישט געטראפן אין אזא סיטואציע, אבער דא האב איך זיך געכאפט, קען זיין אז עס איז דא כשר'ע טערעפי, אבער דאס העלפט נישט!!! עס איז דא איין זאך וואס העלפט, רעדן צום אייבערשטן פונקט ווי מען רעדט צו א גוטע פריינד, איינמאל נאכאמאל זיך אויסרעדן וואס עס באדערט און נאר דאס העלפט! רעדן צו א בשר ודם איינמאל און נאכאמאל דאס האט דאך נישט קיין ענד...

'פונקט' דאן האט איך געהערט ווי דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אז מען איז געקומען צום בעל שם טוב פאר זיין הסתלקות און מען האט אים געפרעגט, צו וועמען זאלן מיר גיין נאך ווען דער בעל שם טוב וועט אוועקגיין פון די וועלט, האט דער בעל שם טוב הקדוש געזאגט: "אז איר וועט גיין צו איינעם בעטן א עצה, נישט קיין חילוק וועלכע, צו א עצה פאר עבודת ה' אדער יעדע אנדערע זאך, און ער וועט אייך געבן א עצה, דאן זאלט איר אנטלויפן פון אים, ער נארט אייך אפ, ווייל עס איז נישטא קיין שום זאך וואס קען העלפן נאר תפילה והתבודדות".

דא האב איך געזען אז עס איז טאקע אזוי, זאל זיין כשר'ע אויסגעהאלטענע טערעפי, אבער דאס איז א אנדערע עצה פון צו רעדן צום אייבערשטן... במילא איז דאס נישט אינטערעסאנט, מיר האבן דאך שוין געטרינקען פון די אונגערישע ווין.

אזוי ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט, אז דער הייליגער רבי' זאגט: ווער עס שוין טועם געווען פון זיין גוטן טעם, אים קען מען נישט פארנארן.

אזעלכע וואס האבן קיינמאל פארדעם נישט געהערט פון דעם אז מען קען זיך אויסרעדן צום באשעפער אזוי ווי מען רעדט צו א חבר, וויאזוי קענסטו אים קומען זאגן 'לאז אפ טערעפי, רעדט צום אייבערשטן', ער וועט דאך נישט וויסן וואס דו ווילסט פון אים. פאר זיי אפשר דארף מען צושטעלן "כשר'ע מהודר'דיגע טערעפי", אבער איינער וואס האט שוין פראבירט עפעס בעסער'ס ווייסט אז עס איז בלאף.

נו, שטעלט זיך א שאלה: און וואס איז מיטן זיך אויסרעדן די הארץ פאר א חבר? דאס האבן מיר אויך באקומען ב"ה פון הייליגן רבי'ן, די שיחת חברים פארנעמט גאנץ א גרויסער חלק אין ברסלב.

אבער וואס מיינט שיחת חברים - מען רעדט זיך אויס צו אזא סארט חבר וואס ער וועט זאגן: בעט דעם אייבערשטן, און שיקט א גאנצע צייט צוריק צום אייבערשטן. ווייל עס קען נישט זיין אזא זאך וואס מען וועט רעדן צום אייבערשטן איינמאל נאכאמאל זיך מתבודד זיין אן א שיעור ביז עס וועט קלאר ווערן וואס מען האט צו טון, אדער ביז מען וועט זיך בארואיגן, אדער יעדע אנדערע פראבלעם וועט געלייזט ווערן.

עס בלייבט אונז איין זאך צו טון, דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן פון אזא הייליגן רבי'ן, און ער געבט אונז די מערסטע אויסגעהאלטנסטע טערעפי... לאמיר עס אויסניצן...

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו.

שרייב טיש:
רעדן איז
א ברכה

דעם
רבינ'ס חדר:
הבטחת
מוהרא"ש

# קינדער בלעטל



# אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו

מוהרא"ש
ז"ע שרייבט
א פירוש
אויף תיקון
זוהר אין
שפיטאל

בס"ד

# פרייליכע נייעס
## פאר די קליינע קינדער

**מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף טוען מיר מעלדן איבער א נייע מעכטיגע "גורל פראגראם" פאר אלע קינדער וואס וועלן אריינשיקן:**

1. די ענטפער פון די חידה
2. די שיחה פונעם בילד
3. די צען חילוקים
4. דערציילט א מעשה פון תפילה
5. געמאלן א מעשה פון תפילה

**פאר יעדע ענטפער גייט מען נאכאמאל אריין אין גורל.**

**די גורל וועט אי"ה פארקומען לייוו אויפן טעלעפאן יעדן ראש חודש.**

# קינדער דערציילן

## מעשיות פון תפלה

1. איך האב מיך זייער שטארק אפגעבריעט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך אויסהיילן, שכח אייבערשטער עס האט זיך שנעל און שיין אויסגעהיילט.

2. איך האב עפעס פארלוירן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס שנעל טרעפן, שכח אייבערשטער איך האב עס שנעל געטראפן.

נתנאל היילפרין, קרית ברסלב, 10 יאר

איך האב זייער שטארק געוואלט האבן א גוטע רבי וואס איז גוט מסביר די גמרא מיט א געשמאק, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל באקומען אזא רבי, שכח אייבערשטער אז נאכן בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם האב איך טאקע באקומען א גוטע רבי וואס איז אזוי שיין און גוט מסביר די גמרא, כדי איך זאל עס קענען פארשטיין.

מנחם האראוויץ, קרית יואל

אײן טאג האט מען געגעבן צו עסן טשיס אין חדר, איך האב גענומען אביסל פון די טשיס און אריינגעלייגט אין מיין טעלער.

נאכן עסן האב איך געוואלט צודעקן די האלטער פון די טשיס, אבער איך האב נישט געטראפן די דעקל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן די האלטער.

איך האב געזען אז איך טרעף עס נישט האב איך געטראכט צו עס צודעקן מיט א שטיקל סילווער פאפיר, אבער יענע רגע האב איך געטראפן די דעקל ליגן אין פראנט פון מיין נאז.

נחמן נתן וועבערמאן, קרית ברסלב, 7 יאר

איך בין געזיצן אין מיין טאטעס קאר ווען אינמיטן האט אנגעהויבן ארויסקומען א רויך פון די קאר, עס האט אויסגעזען זייער שרעקעדיג, וואס גייט דא יעצט געשען?

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל גארנישט פאסירן פאר קיינעם, און די קאר זאל זיין אלעס גוט.

שכח אייבערשטער אז עס האט מיט קיינעם גארנישט פאסירט, און די רויך האט געסטאפט צו קומען.

שכח אייבערשטער!

נחמן נתן סאמעט, קרית ברסלב, 10 יאר

# מעשה'לעך פאר קינדערלעך

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיר קֶענְט טְרַאכְטְן וָואס אַ צַדִּיק טוּט וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן?

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר אִין יָאר תשמ"ט שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט הָאט פַּאסִירְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַן עֶקְסִידֶענְט, אַ קַאר הָאט אַרַיינְגֶעקְרַאכְט אִין אַ צְוֵוייטֶע קַאר, אִין דִי קַאר אִיז גֶעזֶעצְן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן; אָבֶּער דְרֵיי פִינְגֶערְס פוּן זַיין רֶעכְטֶע פוּס הָאבְּן זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, מוֹהֲרָא"ש אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, מֶען הָאט בַּאשְׁטִימְט אַז מוֹהֲרָא"ש דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אַן אַפֶּערַאצְיֶע, אוּן דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי, לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז מוֹהֲרָא"ש אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אוּנְז, אַז לִיגְנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל מִיט שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר; דֶער סֵפֶר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעמַאכְט אִין דִי הֵייל דִי דְרַייצְן יָאר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי אֶלְעָזָר. בְּשָׁעַת מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלֶערְנְט אִין שְׁפִּיטָאל דִי הֵיילִיגֶע תִּקּוּנִים הָאט מוֹהֲרָא"ש זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַ גוּטֶע קַבָּלָה, עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוֹיבּ דִי אַפֶּערַאצְיֶע וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם וֶועט עֶר אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶס פַאלְט אִים אַיין בַּיים זָאגְן תִּקּוּנִים

מִיטְוָואךְ אִיז מוֹהֲרָא"ש אַרִיבֶּער דִי אַפֶּערַאצְיֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע נִסִים, אַלֶעס אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם; דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט הָאט מוֹהֲרָא"ש אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן דֶעם הֵיילִיגְ'ן סֵפֶר "לַהֲבוֹת אֵשׁ", חִידוּשִׁים אוּן הִתְחַזְּקוּת אוֹיפְ'ן סֵפֶר הַתִּקּוּנִים. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים, דָאךְ הָאט עֶר דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן לִיגְנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג ווִי גְרוֹיס דִי צַדִּיקִים זֶענֶען; אֲפִילוּ וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לֶערְנֶען אוּן זֶענֶען מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אוּן שְׁרַייבְּן דָאס אַרָאפּ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן




מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט חִידוּשִׁים אוֹיפְ'ן סֵפֶר הַתִּקּוּנִים

דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי נתן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: "א קוק וויינגער - א ברי וויניגער!"

## ברסלב'ע חידות

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט געבן געלט צו דרוקן די ספרים "אשר בנחל" וועט זען גרויסע**

א. מופתים
ב. ישועות
ג. ספרים
ד. מענטשן

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: "און ווייטער איז גוט זיך אויסצושמועסן מיט אייבערשטן אזוי ווי מ'רעדט צו א גוטע חבר!"

## און די געווינער איז...

געווינער פון פאריגע וואך:

**רבקה וועבערמאן תחי' - קרית ברסלב**

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**י. אֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם.**

אֱמוּנָה וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מוֹיל פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. (אַז מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה).



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**רעגן איז א ברכה!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ט | ו | נ | מ | ט | א | מ | ז |
| י | פ | כ | י | ל | ה | ר | ו | ע |
| ק | ר | א | ג | ע | ג | י | ב | ט |
| ע | א | נ | ל | ע | ח | מ | ק | צ |
| ס | ד | פ | י | ב | ר | ק | ו | צ |
| צ | ט | ק | ה | ש | י | ע | כ | ק |
| ש | ר | מ | ר | ט | ט | ע | כ | מ |
| ו | צ | ה | ה | ס | נ | ט | צ | ט |
| א | מ | י | א | ב | ג | ד | מ | ר |
| ע | ט | ו | ל | י | פ | א | ד | ע |
| ו | ו | ע | ר | נ | מ | ע | נ | ט |
| ש | ו | ק | ו | ק | ר | מ | י | ש |
| ט | ק | א | א | ה | ח | ש | ק | ר |
| ק | כ | ח | ה | ג | ח | נ | כ | ע |
| ו | י | ז | ט | י | ע | ע | ס | ב |
| ע | ו | ע | נ | ו | ס | ב | צ | י |
| ג | ס | א | ו | ו | נ | פ | ט | י |
| פ | כ | ש | ס | ו | ת | ת | ר | א |
| ק | ע | פ | א | י | ז | י | כ | י |

ווער עס גיבט נאך און ער קריגט זיך נישט, אפילו ווען ער איז גערעכט - העלפט אים דער אייבערשטער און מען געבט אים נאך וואס ער דארף.

*(עצתו אמונה מטות תשפ"ג)*

# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



בייניש שארף



משפחת וועבערמאן - א מויער



שמואל בירנבוים





משפחת וויינבערג



בית פייגא ירושלים



פרה אדומה מרדכי פאפנהיים




בית פייגא ירושלים




רוחמה פערל



# דער אוצר אויפן באן 5

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע

אין קורצן פון פריער: מוהרא"ש לערנט דורך אפאר מאל דעם הערליכן ספר "משיבת נפש" אויפן באן אויפן וועג צו די ישיבה. ער זוכט פאר נאך ברסלבע'ע ספרים.




געזעצט מיט רשות פון עיר ברסלב

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**בני ברק**

קרעדיט: נתי לב



**ביהמ"ד ליקוטי מוהר"ן**

קרעדיט: שמעון פורטגל



**קרית ברסלב**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**ביהמ"ד האשקי**

קרעדיט: יוסי פרערויא

**שיעורי תורה אין בתי מדרשים אין היכל הקודש**



**סיום גמרא מסכת ברכות מרדכי פאפנהייים**



**סיום מסכת בבא מציעא אין ביהמ"ד היכל הקודש לעיקוואוד**



**בית הדפוס אין בני ברק אנגעקומען צו איבער 3 מיליאן פרינטס**

קרעדיט: נתי לב





**אנגעקומען א נייע פרינטער אין בית הדפוס ירושלים**



**חומש סעודה תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג**

קרעדיט: יוסי פררויא



**מלוה מלכה אין ביהמ"ד אין שטעטל - מוצש"ק שלה**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**שיעור דף גמרא אין גן עדן התחתון - ג' קרח תשפ"ד**

קרעדיט: שמעון פורטגל



**ביים לערנען אין כולל פון א טלית מקופלת**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**א שיעור פאר די בחורים אין מחנה אילן החיים**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**סיום הש"ס פון הבחור בערל שטאהל נ"י אין מחנה אילן החיים - ד' קרח תשפ"ד**

קרעדיט: שמעון פיש



**סיום הש"ס פון הבחור יהושע סופר נ"י אין מחנה אילן החיים - ה' קרח תשפ"ד**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**וועד העירוב ביים פארעכטן די עירוב אין שטעטל - ג' קרה תשפ"ד**

קרעדיט: משה איינהארן



**פלאטע פון זיבן באסעס פאר די מוסדות אין שטעטל - ג' קרה תשפ"ד**

קרעדיט: שמעון פיש



**מלוה מלכה אין שטעטל - מוצש"ק קרה תשפ"ד**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**לחיים פון החתן יושע איינהארן נ"י עב"ג מו"ה שמחה יאקאבאוויטש הי"ו**

קרעדיט: מושי איינהארן




**נייע דעקל פאר די בימה אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק**

קרעדיט: נתי לב

ב"ה

# דער בחור פליט.

ער איז נישט מיט אונז...

## דו קענסט אויך.

געענדיגט מיטן זיך דערמאנען ביים צוזאמדרייען די גארטל נאך סליחות.
רוף יעצט ר׳ אלי און ר׳ משולם בעניפיטירנדיג מאקסימום סערוויס פאר מינימום פרייז.

מ׳נעמט שוין אן
**מן קיופאנס**

געציילטע זכותים פארבליבן אינעם **מלמדים טיקעט קאמפיין**
שיקט היינט אריין אייער נתינה פאר אייער זון׳ס מלמד טיקעט

Plan it Rite
Travel the right way

dominogroupny.com